# טעמו וראו

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון כ"א - פר' לך לך תש"פ •


## פרשת לך לך
## -א גרויס חלק פונעם לעבן פון אברהם אבינו מיט זיינע נסיונות-

מיר שטייען יעצט אין פרשת לך לך. פרשת לך לך - די גאנצע סוגיא - פון אברהם אבינו. די גאנצע סוגיא פון נסיונות, מיט די אלע זאכן וואס ער איז דארך געגאנגען.

איינע פון די נקודות וואס אונז דארפן מיט נעמען פון דעם יסוד פון אברהם אבינו. אונז קענען אברהם אבינו בתור דער זיידע פון די משפחה, דער הויפט זיידע. וואס אונזערע היסטוריה (ווי מ'רופט דאס) הייבט זיך אן ביי עם. דער טאטע פון אונזער אמונה בהשי"ת, דער טאטע פון מצות מילה, דער גאנצער קשר וואס מיר האבן מיט'ן אויבערשט'ן וכו' וכו'. אלעס אלעס הייבט זיך אן מיט אברהם אבינו.

### *אברהם אבינו'ס נסיונות איז פאר אונז א תורה שלימה*

איינע פון די זאכן וואס מ'דארף מיט נעמען פון אברהם אבינו - איז אונזער בליק אויף אונזערע לעבן, און אונזערע דארכגאנגען, און די אלע זאכן וואס מ'פאמעסט זיך מיט פראבלעמען דארך לעבן,- באקומען א נייע בליק.

מ'וועט נעמען אברהם אבינו, ער לעבט אליין אויף די וועלט. נישט קיין טאטע, ארומגענומען מיט עובדי עבודה זרה ארום און ארום, ער האט גאר נישט ארום און ארום. ער האט נישט איינער זאל עם זאגן: 'אה, קום שטארק זיך'. א גוט ווארט, ער האט נישט דעם 'גוט מארגן' פון א איד א מנהיג, ער האט נישט דעם שמייכל, ער האט נישט קיין שבת טיש, און ער האט נישט קיין יום טוב, ער האט גאר נישט, ער האט נישט קיין איינעם נעבן זיך, וואס זאל עם געבן א שטארקייט.

און ער גייט מיט'ן גאנצען שטאלץ! מיט'ן גאנצען אמונה און ביטחון כאפט ער זיך אן אין באשעפער. און 'איך ווייס נישט, און איך לעב, און איך גלייב אז ס'איז דא איינער וואס פירט די וועלט, און איך לעב פאר עים אויף די וועלט'. און ער מאכט גרים, שיינט אריין דעם אויבערשטער אויף נאך פלעצער אין די וועלט. און ער אליין האט נעבעך נישט קיין קינדער אפילו, ער איז גארנישט! ער ווארט ביז 99 יאר צו האלטן א הבטחה פון אויבערשט'ן - ער גייט האבן א קינד! - סך הכל.

און טאמער ער האט שוין יא עפעס א הגר, מיט א ישמעאל - ער "עסט שטרוי"... און ער איז דער מאמין, און ער גייט ווייטער, און ער גייט דארך נסיונות, און דער עצם "לך לך מארצך", דער מושג פון גיין. ער איז געווען דער ערשטער וואס ער איז געגאנגען נאכאנאנד. איינע פון די סימנים פון א איד איז אז ער קען נישט שטיין אויפ'ן פלאץ, ער איז א גאנצע צייט א 'מבקש', ער וויל און ער וויל, און ער גייט און ער גייט - וויל ער זיכט דעם אויבערשט'ן, ער זיכט צו ווערן דבוק אין אויבערשטן.

און ווען ער קומט שוין אן, ווערט א שטיקל רעב, ער שפירט נישט קיין טעם: 'אה, איך האב געוואלט אזוי שטארק, א גישמאק אין לערנען'. ער הייבט שוין אן דעם לערנען, און נאך א תקופה פאלירט ער דעם טעם, ער פאלירט די קשר. ווען ער קומט שוין יא אן צו די זאך - אזוי ווי אמאל איינער קומט אן צום א יו"ט,- און ער שפירט נישט דעם יו"ט - 'איך האב געמיינט אז ס'איז אסאך מער'... און ס'פארלעשט זיך עם, און ער האט א ירידה, א ירידה אין מצרים, ס'האט א גאנצע סדר א חיים.

שטייט אברהם אבינו, און ארבעט און אקערט. אבער, יעצט ווייסן אונז שוין, אז אזוי ווי דער אייבישטער האט געזאגט "כי ידעתי - איך האב עם ליב - למען אשר יצווה את בניו ואת ביתו אחריו".

### *איבערלעבן א נסיון איז א קנין לשעה ולדורות*

למעשה, ביז דעם היינטיגע טאג שטייט מען און מ'עסט די פירות אויף זיינע זאכן וואס ער האט זיך געקעמפט. ער האט זיך צאמגעקעמפט אסאך, און אלע דורות בני אברהם יצחק ויעקב עסן פירות פון עם. ער האט אריינגעלייגט די קערלעך אין דער ערד - און די גאנצע בוים - אלץ לעבט מכוחו!

איינע פון די נקודות איז, דער ערשטע זאך א מענטש זאל וויסן, דארך'ן לעבן גייט ער דארך גיין און דארך גיין, אבער ער מיינט, אז ס'איז ***'לשעה'***. ער האט געהאט א נסיון, געגאנגען ווייטער, קיין איינער זאל דאס נישט וויסן, קיין איינער זאל נישט טראכטן פון דעם - לאמיר גיין ווייטער...

ער כאפט נישט, דאס אז ער איז א דארך געגאנגען א נסיון און ער האט זיך געקריגט - איז פאר עם און לדורות אחריו! ער איז פונקט ווי אברהם אבינו וואס זיין כח באגלייט אונז. איז א כח פון א איד וואס גייט איבער זיין גאנצע דארכגאנגען אין זיין לעבן. ער געבט כוחות פאר זיינע קומעדיגע דורות, ער פלאנצט שוין איין! ס'איז נישט 'לשעה', ס'איז לשעה ולדורות! אלע דורות הבאים וואס קומען ארויס פון עם וועלן האבן דער "כי ידעתי למען אשר יצווה את בניו ואת ביתו אחריו" - די נקודה פון אברהם אבינו.

### *וואס זאלן מיר זיך מתבונן זיין ווען מיר זאגן פרשת העקידה*

מ'זאגט יעדן טאג די עקידה, ווייל מ'דארף געדענקען אז א מענטש גייט א דארך נסיונות - 'נו, איך דארף א דארך גיין נסיונות, זאל זיך שוין ענדיגן דער טאג' - טראכט די מענטש - 'זאל שוין זיין די נסיון, לאמיר דאס אריבער גיין, לאמיר גיין ווייטער...' - ער כאפט נישט אז נאך די נסיון בלייבט איבער א קרן קיימת לעולם הבא, א קרן קיימת לנצח - פאר עם מיט זיינע דורות, און ס'האט געלוינט די התמודדות.

### *מיר בעטן אל תביאני לא לידי נסיון*

א ודאי א איד דארף מתפלל זיין, "לא לידי נסיון" אבער ווען ער איז שוין דארך געגאנגען א נסיון, ער האט שוין יא געדארפט ברעכן, און ער איז שוין יא דארך געגאנגען דעם לעבן - זאל ער נישט מיינען אז ער לעבט אפ די לעבן און ער גייט ווייטער. נאר אזוי ווי ער פארשטייט אז ער האט קינדער, און די קינדער איז א 'נצחי' ווייל די קינדער ברענגען אנדערע קינדער. ס'איז דא די רוחניות שב'קינדער.

די אלע זאכן וואס ער גייט דארך, אמאל איז דאס שווערקייט צו לערנען. אין יעדע תקופת החיים איז דא אן אנדער סארט התמודדות. אמאל איז דאס אין לימוד התורה, אמאל אין מחשבה, דיבור, מעשה, בין אדם לחבירו, בין אדם למקום. ער שטייט אין התמודדות, ער לערנט זיך נאכאנאנד קעמפען אויף זיין חיבור צום אויבערשט'ן, אויף זיין נקודת האמונה. ער גלייבט און זאגט אז דער אויבערשטער האט מיר דאס אינטער געשיקט און ער מיינט מיין טובה.

### *יעדער האט זיך זיינע אייגענע נסיונות*

יעדע התגברות, וואס פאר א קאליר זאל נישט האבן. און באמת יעדער איינער האט אן אנדער סארט 'אברהם אבינו', נישט ווייל מיין שכן האט אזא התמודדות...

און פארוואס האט טאקע יעדער איינער אנדערע נסיונות? ווייל אזוי ווי די שורשים פון א עפל בוים דארף ארויס געבן עפל, און פון די שורשים פון א בוים פון אתרוגים, דארף קומען אתרוגים דאס זעלביגע- דו ביסט א שורש וואס ס'דארף ארויס קומען פון דיר, די און די טבע, דערפאר ביזטו דאס אדארעכגעגאנגען כדי די פירות וואס קומען ארויס פון דיר, זאל האבן די כוחות וואס דו ביסט יעצט משקיע! דיינע נסיונות - האט נישט דיין שכן! האט נישט דיין ברודער, האט נישט דיין קרוב, נישט דיין זון.

יעדער איינער האט זיינע נסיונות ווייל ער בויעט יעצט די שורשים פון די שיינע בוים, און לפי די פירות איז דא די כוחות אין די שורשים וואס דארף גיין ווייטער.

### *לערנען פון די פרשה אז דאס לעבן איז נצחי*

ממילא איינע פון די יסודות וואס מ'דארף מיט נעמען פון פרשת לך לך - אז אונזערע לעבן איז 'נצחי' איז נישט נאר ווען איינער ברענגט קינדער, אונזערע רוחניות גייט אויכעט "למען אשר יצווה את בניו ואת ביתו אחריו". אזוי ווי ס'איז דא א גמרא: "עשה מצווה אחת הכריע אותו ואת כל העולם לכף זכות" - ווייל יעצט אין די וועלט איז דא א איד וואס ענטפערט 'אמן', יעצט אין די וועלט איז דא א איד וואס טוט א מצווה איז שיינט ער אויף די גאנצע וועלט. יעצט איז דא איינער וואס לייגט אריין די קערל, און די כוחות, אין די דורות הבאים וואס קומען ארויס פון עם. - ער איז יעצט דער 'אברהם', במידה מסוימת, פאר זיינע קומעדיגע דורות.

### *פארשטיין די וויכטיגקייט פון א נסיון*

ממילא, נישט מזלזל זיין אין א התמודדות, א שווערעקייט וואס מ'גייט דארך. און די זעלבע זאך נישט מזלזל זיין אין דעם 'לך לך'. 'איך פארשטיי נישט, מ'האט שוין נעכטן אזוי געשמאק געלערנט , איז וואס איז ווייטער? אין יעצט דארף איך גיין ווייטער און גיין און גיין... א איד איז נישט קיין 'עומד' נאר ער איז א 'הולך'.

'לאז שוין זיצן על מי מנוחות, לא'מיר שוין די זעלבע לערנען, די זעלבע גמרא, די זעלבע ווינקל...' א גאנצע צייט, און מ'ענדיקט דאס, דארף מען ארויף גיין ווייטער - א מענטש האלט אין איין זיך מתמודד זיין.

דער 'לך לך' באגלייט דעם אידן לאורך אלע דורות. דעם 'אברהם'ס לך לך' גייט און ער קומט אן צו ארץ כנען - איז דא א רעב, האט ער א ירידה אין מצרים, אין מצרים - ברית בין הבתרים, ביז ווען ער זעט שוין א קינד - איז ער שוין 99 יאר. ס'טוט זיך דארט א גאנצע מעשה. דער איד גייט דאס דארך!! אבער ער דארף כאפן דער ווערד! און שעצן דעם אמת! אז יעדע התמודדות איז נישט - 'לאמיר דאס שוין פארוישן, לאמיר דאס שוין אנטלויפן'.

א וודאי א איד דארף אנטלויפן פון נסיונות. אבער אוועק לויפן א ביסל רואיג, 'איך נעם עפעס מיט אין קעשענע, איך האב גארנישט פארלוירן. איך האב נאך פארדינט! נישט נאר פאר מיר - עד סוף כל הדורות!'.

א איד ווען ער לעבט מיט דעם, באקומט ער באמת א גישמאק אין לעבן, אין יעדע מינוט, ווי אזוי דער אייבישטער פירט זיך מיט עם - לטב ולמוטב. אמאל איז דאס נסיון העושר - א הצלחה, שלעפן צו זיך, אברהם אבינו האט דאס גידענקט, קומען די מלכים און זאגן עם 'נעם וואס דו וויסט'.

'איך דארף גארנישט, דער אייבישטער געבט מיר, "מחוט ועד שרוך נעל". איך דארף נישט פון קיינאיינעם גארנישט - איך האב א רבוש"ע, און ער געבט מיר אלעס'. דאס הייסט נסיון העושר.

און נסיון העוני, איז יעדע מאל ווען ס'גייט נישט. דא נעמט מען צו שרה, און יעדער איינער מיט זיינע דארכגיין.

דער אייבישטער זאל העלפן, מ'זאל באמת לעבן מיט'ן באשעפער, און מיט די נקודה.

# וויכטיגע יסודות פון פרשת לך לך.

פרשת לך לך איז געבויט פון צווײ יסודי'שע זאכן, וואס באגלייטן אונז דעם גאנצע לעבן.

### די ערשטע זאך

א איד דארף וויסן: אז אלעמאל איז ער א 'הולך', ער שטייט נישט! "לך לך" באגלייט יעד'ן איד. מיר טרעפן אפילו רח"ל פרייע אידן אין די גאנצע וועלט, מיר רידערן פארוואס קענען נישט זיצן רואיג, ווייל א איד וואס קומט פון אברהם אבינו - זיין גאנצע לעבן מוז ער גיין, ער שטייט נישט אויף א מינוט, ער גייט און גייט און גייט. באלד וועט מען זיין וואס איז די תוצאות.

### די צווייטע זאך

איז, מ'וועט נעמען אברהם אבינו פון די גאנצע פרשה - ער האט גארנישט געהאט קעש אלץ איז געווען אמונה - ער איז געגאנגען אין די טינקל, מיט אמונה. ער גלייבט אז ער וועט האבן קינדער, ער זעהט דאס נישט - סה"כ ביי 100 יאר האט ער געזען א קינד, און ביי 160 יאר - אן אייניקל. מ'זאגט עם צו די לאנד - ער זעהט דאס נישט... ער גייט נאר אויף די חשבון פון אמונה!

### א קייט פון נסיונות

נאך מער זעהן מיר, אברהם אבינו, וואס זיין גאנצע לעבן גייט'מען אמונה'דיג, און דאך כסדר קומט אינטער פראבלעמען: די ערשטע זאך **ער קומט אן אין לאנד כנען, ער איז שוין דא דארט - ווערט א רעב! א הונגער**, ער האט דאך געגלייבט אין אויבערשט'ן - ס'קומט אינטער א פראבלעם.

**ער גייט אין מצרים** - ניין, ניין, **מ'נעמט עם צו שרה.** ער איז שוין אוועק פון דארטן - קומט **מלחמת המלכים**. ער קריכט נישט ארויס! און טאמער ס'איז נישט גענוג, מ'האט שוין געענדיגט מלחמת המלכים, געבט עם די אייבישטער א מורא'דיגע נקודה, ס'רופט זיך **'ברית בין הבתרים'.** און דער אייבישטער זאגט עם: 'יא, יא, דו וועסט האבן קינדער, דו גייסט מיט א אמונה. "ידוע תדע כי גר יהיה זרעך", דו וועסט באצאלן א פרייז פאר דעם'.

און ס'איז נאך נישט געענדיגט, גייט די **חתונה פון הגר**, און די אלע תוצאות פון דעם. און נאך מער, נאכדעם גייט א נקודה וואס רופט זיך **'מצוות מילה'.** אונז זענען צוגעוווינט אז מ'מאלעט א קינד - אכט טעג, און דאס איז דאס... ניין ניין ניין! מצוות מילה, איז אזוי ווי מ'וועט זאגן פאר א גרויסע מענטש זאל אריינשניידן א שטיקל פינגער, מ'געבט עם געלט - אבער דאס שניידן אן פארשלעפערן.

ישמעאל עסט ביז היינט, ריבית, פאר דעם וואס ער האט זיך געלאזט מל'ען ביי 13 יאר. ווייל ס'איז נישט גרינג.

### דאס איז אונזערע ארבעט גיין אויפ'ן חשבון פון 'אמונה'

דאס קומט אויס פון אלע זאכן צוזאמען, אז מצד אחד, אז דער איד דארף זיין נאכאנאנד א 'הולך'. פון צווייטנ'ס דארף ער גיין אויפ'ן חשבון פון 'אמונה' - ער זעהט נישט! און נישט נאר ער זעהט נישט, ס'קומט עם אינטער פראבלעמען, און ווייטער גלייבט ער אין אויבערשט'ן, און ווייטער גלייבט ער אין אויבערשט'ן.

"והאמין בה' ויחשביה לו לצדקה" און דאס האט עם באגלייט עד סוף כל הדורות. און דאס איז אונזערע ארבעט אין די גאנצע לעבן.

קומט אויס, אז אזוי ווי ווען מ'לייגט אריין א קערל אין דער ערד, וואקסט א בוים, ווען וואקסן די פירות פון די קערל. די קערל פון עם ישראל איז געווען אברהם אבינו, דער שורש פון די אלע פירות שפעטער איז דער "האמין בה'". מיט די פראבלעמען, דעם גאנצע'ן גלות איז מען מיט דעם אריבער. און מיט דעם שטיין אונז יעצט! א איד - מ'לערנט עם אויס שכר ועונש, ער האט אמאל געזעהן דעם רבוש"ע? "כי לא יראני אדם וחי", משה רבינו האט נישט געזעהן דעם רבוש"ע! ער גלייבט אין רבוש"ע, און נישט נאר ער גלייבט - ער ארבעט ווי א פערד, דעם גאנצע לעבן. ווייל ער גלייבט אין שכר ועונש, דו האסט אמאל געזעהן גיהנום? דו האסט אמאל געזעהן גן עדן? ניין! אבער דו לעבסט אויף די נקודת האמונה מיט די אלע פראבלעמען וואס דו גייסט דארך.

קומט אויס, א איד דארף וויסן: מצד אחד, זיין גאנצע לעבן איז 'גיין', אויפ'ן חשבון פון אמונה, און ס'מוז נישט אלע קלאפן.

און אזוי גייט מען דארך דעם לעבן, מיט דעם יסוד וואס אברהם אבינו האט אנגיפלאנצט "והאמין בה' ויחשביה לו לצדקה".

דער אייבישטער זאל אונז העלפן, זאל מען נישט פאלירן די אמונה אויפ'ן וועג.

# חיזוק יומי - ס'איז גוט ווי אזוי עס איז

***א יסודי'שע נקודת חיזוק וואס א איד קען מיט נעמען אין זיין גאנצע לעבן.***

אז מיר רעדן פון חיזוק אין נסיונות, איז כדאי צוצושטעלן וואס מיר טרעפן אין מדרש, כביכול הקב"ה שטייט פרייטאג פאר נאכט, און ער זאגט: 'אז הלוואי זאל איך האבן נחת פון די בריאה, אזוי ווי יעצט! פון די גאנצע בריאה.

לאמיר זיך מתבונן זיין, שטייט אז דער אויבישטער האט געמאכט: "בונה עולמות ומחריבם". שוין, מ'האט שוין געמאכט די וועלט אזוי ווי ס'דארף צו זיין. מ'וועט זיך מתבונן זיין אין בריאת העולם וועט מען זעהן: א מורא'דיגע זאך אז יעדן איינציגן טאג פון די ששת ימי בראשית איז געווען עפעס וואס האט בסוף געדארפט ווערן אנדערשט ווי פון אנהויב

**זונטאג** האט, כביכול, הקב"ה באשאפן די ליכטיגקייט און די טונקלקייט, אין די זעלבע טאג, שפעטער שטעלט זיך ארויס - מ'דארף דאס אוועק לייגן. דאס מיינט, צום סוף, די בריאה וואס רופט זיך לעכטיגקייט - האט עפעס נישט געטויגט, מ'דארף דאס אוועק לייגן לצדיקים לעתיד לבוא. - דאס איז שוין דער זונטאג.

**מאנטאג:** טרעפט מען אז דער אייבישטער האט אפגעטיילט דער אויבערשטע וואסער מיט די אינטערשטע וואסער. און ווייטער, די אינטערשטע וואסער וויינט און מ'דארף זיי מפייס זיין - ס'טויגט נישט.

**דינסטאג,** כביכול הקב"ה האט באשאפן די בוימער מיט די אלע זאכן. און די בוימער האבן נישט געפאלגט, דעם האלץ האט נישט געהאט דעם טעם פון די פירות - ס'עפעס קלאפט ווייטער נישט!

**מיטוואך,** כביכול הקב"ה האט באשאפן די זון מיט די לבנה. די לבנה איז מקטרג, ס'איז ווייטער קלאפט נישט, מ'דארף דאס נאך מתקן זיין די פגימת הלבנה.

**דאנערשטאג,** כביכול האט באשאפן די פישן מיט די עופות, און די לויתן האט מען געדארפט אוועק לייגן אין זייט.

**פרייטאג,** אדם הראשון האט אנגעארבעט...

***א כלל גדול אינעם טאג טעגליכן לעבן***

איינע פון די זאכן וואס מענטשן פרעגן נאכאנאנד, 'ווען וועט קומען די טאג, וואס די עבודת ה' וועט קלאפן? 'ווען וועט קומען די טאג, וואס די ביזנעס וועט קלאפן? יעדע מענטש אין וואס פאר א וועלט ער איז. 'ווען וועט דאס שוין גיין גלאטיג, אן קיין פראבלעמען?'

דער מענטש כאפט נישט, אז ווען דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט, האט ער אזוי אריינגעלייגט אין די בריאה, אין יעד'ן טאג, אין יעד'ן זאך - אז ס'מוז נישט פונקט קלאפן. נאך מער, א מענטש ווען ער עפנט א ביזנעס, וועט קיינמאל נישט טראכטן אז ס'גייט אנזעצן.

***"תשובה קדמה לעולם", פארוואס צוגרייטן א לאטע פאר א בגד וואס איז נישט צוריסן?***

כביכול, הקב"ה נאך פאר ווען ער האט געעפנט די גאנצע ביזנעס, האט צוגעגרייט "תשובה קדמה לעולם". אזוי ווי איינער נייט א כאלאט און קודם גרייט ער צו לאטעס. וואס וועט ער טועהן ווען די כאלאט וועט האבן לעכער - זאל זיין לאטעס צו פארעכטן דעם כאלאט.

***הקב"ה שטייט און זאגט: 'הלוואי זאל איך האבן נחת פון די בריאה,***

ממש אזוי איז אין די בריאה אריינגיפלאכטן. כביכול הקב"ה זאגט: 'אה, דער אייבישטער זאל העלפן. אז כביכול, אז ער זאל אלעמאל נהנה זיין פון די וועלט, אזוי ווי ס'איז יעצט נאך בריאת העולם - ווייל דאס הייסט א הצלחה ווייל דאס איז באמת געוואן דער רצון הבורא אז ווי אזוי עסאיז, איז גוט,

ווייל כביכול הקב"ה האט אונז אריינגעגעבן, ס'איז נישט דא קיין שלימות'דיגע זאך - א מענטש ווארט - 'ווען וועט קומען די מינוט וואס אלעס וועט גיין גלייך? גלאטיג? די לערנען ווען קלאפן, איך וועל נישט האבן קיין מפריעים? איך וועל נישט האבן זאכן וואס שטערן מיר? ווען וועט די עבודת ה' ארבעטן?' יעדער איינער אין זיין וועלט, ער כאפט נישט אז דער אייבישטער האט אין די בריאה אריינגעפלאכטן - אז ס'קלאפט נישט! און דאס איז די בריאה! און דאס איז דער דארכגיין פון דעם אידן!

ווען א איד ווייסט דאס, איז עם אסאך גרינגער, ער ווארט נישט אויף די מינוט וואס ס'איז נישט דא אויף די וועלט - זאל גיין אלעס גלאטיג.

דער אייבישטער זאל העלפן אונז זאלן זיך באמת אלעמאל מחזק זיין, און וויסן, אז ער פירט די וועלט כרצונו הפשוט, אן קיין שום חכמות.

און זיך לאזן פירן, סיי ווען ס'גייט, און סיי ווען ס'גייט נישט.

**א לעכטיגן שבת**


**טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'**

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**